27 ווייל פעט געוואָרן איז דאָס האַרץ פון דעם
דאָזיקן פאָלק,
און מיט די אויערן הערן זיי שווער,
און די אויגן זייערע האָבן זיי געשלאָסן,
טאָמער וואָלטן זיי געזעען מיט די אויגן,
און מיט די אויערן געהערט,
און וואָלטן פאַרשטאַנען מיטן האַרצן און תשובה־
געטון,
און איך וואָלט זיי געהיילט. (ישעיהו ו, ט־י.)
28 דעריבער זייט וויסן, אַז די דאָזיקע ישועה פון ג־ט
ווערט געשיקט צו די אומות־העולם; און זיי וועלן
29 (זי) הערן. (און ווען ער האָט דאָס געזאָגט, זענען
די יידן אַוועקגעגאַנגען, האַלטנדיק אַ גרויסן וויכוח
צווישן זיך.)
30 און ער איז פאַרבליבן גאַנצע צוויי יאָר אין זיין
אייגענער געדונגענער דירה, און אויפגענומען
31 אַלע, וואָס זענען אַריינגעקומען צו אים, האָט
אויסגערופן דאָס קעניגרייך פון ג־ט און געלערנט
פון דעם האַר ישוע המשיח גאַנץ אָפן, פון קיינעם
נישט געשטערט.